19

א.נ. שטענצל

# ווילנע

אַ ירושלים של מעלה אויף דער ערד,
דאָס איז געווען פֿאַר אונדז ווילנע די שטאָט;
דער גײַסט נאָך פֿון גאון געשוועבט האָט איבער איר,
מיט עקשנות, הייליקער און מיט גענאָד.

די פּשטות פֿון אַ ווילנער בית־מדרש יידן,
איבער אַ שטיקל „בעל עקידה" פֿאַרקלערט:
די וועלט מיט איר גאָרער האַרבקײַט ר'איז זיך מסביר,
אין דעם מענטשנס טון אויף דער זינדיקער ערד.

מיט זײַנע טשוועקעס אין זויל אַרײַן שלאָגנדיק,
חזרט אַ שוסטער אַ „חיי־אדם" דין — —
און זײַן געזעל אַנ—סקיס „שבועה" צוזינגענדיק,
איז מטעים פֿון אמתן לעבן דעם זין.

און עפּעס אַ בחור אין „ייוואָ" זיצנדיק,
איבער אַ כּתבֿ־יד פֿון אײַזיק מאיר דיק,
אַ פּינטעלע אונטער אַ יוד נישט צו פֿאַרזען,
יעדער קונציקער צוק פּילט אים אָן מיט גליק.

דאָ נאָך האָב איך געטראָפֿן אַ ווילנער גלעזער,
זײַן גאַנצע שטאָט געטראָגן האָט ער אויף זיך!
דערזעענדיק אים, פֿלעג איך אים מוזן נאָכגיין,
און געדאַכט האָט זיך, ס'גיי נאָך טריט פֿון משיח ———

אַ ירושלים של מעלה אויף דער ערד,
דאָס איז געווען פֿאַר אונדז ווילנע די שטאָט!
און אין אונדזערע הערצער, אַ געהייליקטע,
בלײַבן זי וועט אַזוי לעולם ועד.

(from A. N. Stencl, ed., *Vilna Yerusholayim deLite* ['Shtentsls heftlakh', later *Loshn un Lebn*], no. 55, p. 3, London, August 1944)